# ישׂראל שטערן

## (אַ פּאָר פֿראַגמענטן).

### פֿון דער פּאָעמע „אַ ייִד אַ לעקשן"

מאָטאָ:
„אַ ייִד איז אַ לופֿט - מענטש".
(די מיינונג פֿון מאַנכע גוים און
פֿון אַלע ייִדן).

און אַ ייִד אַ לעקשן זאָגט אַמאָל אַזוי:
ניין! איך בין נישט דער ווינט, איך בין דער וואַלד.
דערפֿאַר איז אומהיימליכקייט אין מיר נעצעלם,
און חושך באַפֿאַלט דאָס האַרץ פֿון די שטאַמען,
און גיט אַ שטורעם, נעמט ער צו מיר,
ווייל איך בין דער וואַלד.

די ערד קלאַמערט זיך אין מיר,
דורך מיינע אָדערן ציהט זי זיך אַרויף
און וואַקסט.
וואַסער און הימעל פֿלעכטען זיך צונויף
איבער מיין אַלטען צעשטעלטען שפּיצען קאָפּ.
טרעפֿט אַמאָל: איך וויין און וויין אַריין אין וואַסער,
שטעה איך ביז די קניה אין בלאָטיגען שלים,
און ווער עס בעזוכט מיך, פֿערשילט זיין געביין,
און שילט מיך, וואָס כ'האָב נישט קיין וואַרימע חיים,
נאָר נאַסקייט און שימעל און פֿוילינען מאָך,
און דאָך — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

איך בין דער וואַלד און האָב ליעב מיינע צווייגען.
נאָר זיי, מיינע קינדער, ווערען געבאָרענע און שווייגען —
אַזוי פֿאַלש, אַזוי מיעה, אַזוי שווער.
צווייגען צווייבלען און קוועטשלען זיך הין און הער
און בויגען שפּרייטערט זיך אין פֿאַר דעם ווינד,
וואָס קיצלט אונז, כאַכאַטשעט און ריסט ווי די לאַפּען,
כאָטש דער ווינט איז דערשראַקען, איז אַליין דערשראַקען...
ציהען מיינע צווייגען די אָרעמס צום לויפֿען,
שטרעקען זיך, צאַפּלען און שמאַכטען נאָך ווייטקייט
און ווערען שיער בענקשאַפֿט אויף מיטעל אין דאָר.
זיי רוהען נישט איין און שווינדערן, זוכען
און וואַנדערן, יאָגערן, וואַנדערן שטענדיג
כאָטש זיי שטעהען געשמידעטע מיט וואָרצלען צום אָרט...
מיינע וואַנדערע קינדער זענען געבוירען אין מיר:
צליל, וואָס איז איביג, פֿערשליסט נישט די טהיר:
איך, ווי דער ייד, מיר זענען תמיד אין גאַנג,
און געהעריג הער איך: מיט מיר נעמט געזאַנג
פֿון פֿויגעל, וואָס ווילען נישט ערגעץ און וואוינען
באַזוכען ביי מיר,
און מיט זייערע נעסטען ווערט רייך מיינע קרוינען.

# אַ ייִד אַן עקשן

דער מאָמענט (וואַרשע, 1910–1939)

25, נומ' 251, נאָוועמבער 2, 1934, ז' 5